ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

באשרייבונג חלק ב'

אידיש

**500**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

נייער ספר

# שבט מוסר השלם

## אין אידיש

## ערשינען

# באשרייבונג

## נייער ספר

# ״שבט מוסר השלם״ אין אידיש ערשינען

•די וועלט פון ספרים איז אין די איצטיגע טעג באשיינט געווארן מיט דער דערשיינונג אין דרוק פון דעם הייליגן ספר ״שבט מוסר״, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן אין א הערליכער נייער אויסגאבע, אין אידישע איבערזעצונג.

• דאכט זיך, אז מ׳דארף נישט פאָרשטעלן דעם ספר ״שבט מוסר״, ווער דער מחבר איז און וואס דאס הייליגע ספר שטעלט מיט זיך פאָר. אָבער דאָך איז כדאי צו פאַרצייכענען אין קורצע שטריכן דעם באַדייט פון דעם ספר פאַר יעדן איד הירד וחרד לדבר ה׳.

• דער מחבר פון ספר ״שבט מוסר״ איז הגה״ק רבי אליהו הכהן זצ״ל, וועלכער איז געווען דער רב הכולל פון דער שטאט איזמיר אין טערקיי, מיט דריי הונדערט יאָר צוריק.

•וועגן די גרויסקייט פונעם מחבר, איז כדאי אַראָפּצוברענגען וואָס הגה״ק רבי חיים אבולעפיא זצ״ל שרייבט וועגן הגה״ק רבי אליהו זצ״ל, בזה הלשון: **״הרב הדומה למלאך, הלא זה אדוני אליהו... אין בן העולם הזה גברא דחשיב כותיה למחצה לשליש ולרביע... ורבים השיב בתוכחות על עון יום ליום יביע״. ״אויף דער גאנצער וועלט איז נישטא קיין מענטש ווי ער, אפילו נישט א האלב אדער א דריטל אדער אפילו אַ פערטל... און פיל מענטשן האט ער אָפּגעהאלטן פון זינד...״.**

• אויך דער הייליגער חידא זצ״ל איז מרבה בשבחו פונעם מחבר פון ספר שבט מוסר, שרייבנדיג צווישן אַנדערן וועגן אים, **״ער האָט זיך פאַרנומען מיט די אָרימעלייט דורך אַרומגיין און**

**צוזאַמענגענומען פון די נגידים און פאַרטיילן צו די אָרימע, און אַ סאַך מענטשן האָט ער אפגעהאַלטן פון זינד דורך זיינע רעדעס און דברי תוכחה מיט זיסע ווערטער".**

• **דער חיד"א גיט צו, אַז "איינמאָל נאָכ'ן רעדן שבת, איז איינער געקומען צו אים אַהיים און אים געקושט די הענט, זאָגנדיג אַז ער האָט זיך געגרייט צו טאָן אַן עבירה, אָבער היינט, הערנדיג דעם רב'ס דרשה, האָט ער באַשלאָסן זיך פולשטענדיג אָפצוהאַלטן דערפון", עכלה"ק.**

• דער ספר שבט מוסר איז צום ערשטן מאל געדרוקט געוואָרן אין שנת תע"ב, און איז זינט דאַן איבערגעדרוקט געוואָרן העכער זיבעציג מאָל! דער ספר איז געווען אָנגענומען אין אַלע תפוצות ישראל, ווי דער דרוקער שרייבט אין דער הקדמה צו דעם ספר "ידו בכל" (פון דעם זעלבן מחבר פון ספר שבט מוסר) **אַז ער האָט געזען ערליכע אידן וואָס פלעגן זיך פירן צו האַלטן דעם ספר "שבט מוסר" אין זיין טלית-בייטל, כדי זיי זאָלן קענען קוקן דערין שטענדיג. אין געוויסע ערטער פלעגן רבנים פאָרלערנען אַ שיעור אין דעם ספר "שבט מוסר" יעדן טאָג צווישן מנחה און מעריב.**

• **הגה"ק רבי הלל קאלאמייער זצ"ל האָט אַמאָל געזאָגט אויף זיך, אַז "דער ספר שבט מוסר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ איד".** אין זיין הייליגן ספר "עת לעשות" (שאלה י"ג) וואו רבי הלל קאָלאָמייער שרייבט וועגן די לעבנס וויכטיגקייט פאַר אַ אידישע פרוי צו קענען דאַווענען און לייענען אידיש, רעכנט ער אויס פאַרשידענע ספרים וואָס זי וועט קענען לייענען דורך דעם, און צווישן די ספרים ווערט דאָרט אויך אויסגערעכנט דער ספר שבט מוסר, און אַז דורך דעם פאַרשטייט זי די ווערטער פון תורה, דעם שכר פון גן עדן, וכו', עיי"ש.

• מיט זיין הייליגע שפּראַך דערוואַרימט דער מחבר די אידישע הערצער, תוכו רצוף אהבה פאַר'ן באַשעפער און פאַר יעדן איד בכל מקום שהוא. ער ווייזט אָן אויף די חשיבות פון מקיים זיין יעדע מצוה באַזונדער, אַפילו די גאָר גרינגע מצוות

וואָס מענטשן טרעטן אויף זיי, און אַלץ שרייבט ער מיט אַ פאַרשטענדליכע שפּראַך, אַז אַפילו אַ קינד זאָל קענען פאַרשטיין.

• דער ספר "שבט מוסר" איז געדרוקט געוואָרן אין לשון הקודש נאָך בחייו פון דעם מחבר, און אין יאָר תפ"ח איז עס געדרוקט געוואָרן אין דער שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דערנאָך איז דאָס ספר איבערדרוקט געוואָרן מיט אַ נייע איבערזעצונג אין דער אידישער שפּראַך. דער דעמאָלסדיגער אויסלייג פון אידיש איז אָבער גאַנץ אַנדער ווי דער היינטיגער אויסלייג פון די אידישע שפּראַך אין די קרייזן פון חרדי'שע אידן, וואו מען רעדט אידיש טאָג טעגליך. אויך איז יענע איבערזעצונג פון ספר "שבט מוסר" געווען גרייזיג אין פאַרשידענע ער'טער.

• דעריבער האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ חשוב'ער וועד צו איבעראַרבייטן דעם אידישן פּירוש פון דעם ספר "שבט מוסר", און עס אַרויסצוגעבן אין אַ פאַרגרעסערטע און פאַרבעסערטע אויפלאַגע. דער אויסלייג פון די אידישע איבערזעצונג איז פאַראַכטן געווערן ווי ווייט מעגליך, כדי עס זאָל זיין לייכט פאַר יעדן אַריינצוקוקן אין דעם ספר און עס צו לערנען אויף אַ קביעות'דיגן אופן.

• אויך האָט מען מפענח געווען די הונדערטער ראשי תיבות וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין ערשטן דרוק פון דעם ספר אין אידיש, און צוגעלייגט נאָך צענדליגער מעלות, ווי קעפּלעך אויף די ענינים אינמיטן די פרקים, צעטיילט די פּאַראַגראַפן, און נאָך הידורים פאַר די נייע מהדורא.

• אויך זענען צוגעגעבן געוואָרן וויכטיגע הערות און הוספות ביים סוף פון אַ סאַך פּרקים, ווי אויך סיפורי מעשיות און אַנדערע ידיעות, וואָס האָבן אַ שטאַרקן שייכות מיט די ענינים וועלכע ווערן באַהאַנדעלט אין דעם ספר. אויך דאָרט וואו דער מחבר האָט דערמאנט אַ סיפור בקיצור, האָבן די איצטיגע אַרויסגעבער פון דעם ספר אָפּגעדרוקט ביים סוף פון דעם פרק דעם סיפור המעשה באריכות, כדי דאָס ספר זאָל זיין אַ דבר השלם און דער לייענער זאָל האָבן דעם פולסטן נוצן דערפון.

• דער הייליגער ספר "שבט מוסר" איז באַזונדערס וויכטיג אין אונזער היינטיגן דור יתום, ווי די הייליגע צדיקים זי"ע פון די פריערדיגע דורות זענען שוין ליידער אַוועקגענומען געוואָרן לגנזי מרומים, און עס פעלן מוכיחים בשער מיט דברי מוסר והתעוררות. דאָס ספר "שבט מוסר" קען ממלא זיין דעם דאָזיגן חלל, ווייל ווען מען איז מעיין אין דעם ספר, זעט מען ווי דער מחבר רעדט צו יעדן איינעם אויך אין די איצטיגע דורות, גלייך ווי ער וואָלט געלעבט איצט און וואָלט פאַרשטאַנען אַלע נסיונות פון די היינטיגע צייטן.

• עס איז ידוע וואָס דער מדרש זאָגט אויפן פסוק "עת לעשות לה' הפרו תורתך", אַז ווען עס איז אַ דור פרוץ, מען האַלט נישט די תורה, מ'איז נישט מקיים אירע מצוות ווי געהעריג, עס איז ליידער "הפרו תורתיך", דעמאָלס איז אַן "עת לעשות לה'", מ'דאַרף טוען פאַר דעם אויבערשטן, צו שטאַרקן דעם קיום פון דער תורה הק'.

• דער ערשטער חלק פון דער איצטיגער נייע מהדורא פון דעם ספר "שבט מוסר" אין אידיש, איז ערשינען מיט זעקס יאר צוריק, און וויבאַלד עס איז דעמאלס אויסגעכאפט געווארן דורך אידן יראים החרדים לדבר ה', איז עס איצט ארויסגעגעבן געווארן אין פיר חלקים, און צוליב די ריזיגע הוצאות מיט וואס אזא אויסלאגע איז פארבונדן, איז דער ספר איצט אפגעדרוקט געווארן אין א מספר מצומצם, וכל הקודם זכה.

• די נייע מהדורא פון דעם ספר "שבט מוסר" אין אידיש, איז באַשיינט מיט די הסכמות פון די רבנים הגאונים הצדיקים פון אודווארי, קאשוי, דעברעצין, און הגר"מ בראנסדארפער שליט"א, חבר הבד"צ דהעדה החרדית בירושלים עיה"ק.

• אין זיין הסכמה צו די נייע מהדורא פון ספר "שבט מוסר" שרייבט דער אודווארער רב שליט"א צווישן אַנדערן: "די הייליגע ווערטער פון דעם ספר מאכן א געוואלדיגן רושם און האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויף יעדן וואָס לייענט אין אים... אויסער דעם האָט דער איצטיגער אַרויסגעבער צוגעגעבן אַ סאַך הייליגע ענינים און דערציילונגען פון אונזערע הייליגע צדיקים, פאר יעדן

צו פאַרשטיין. מען דאַרף צוגעוואוינען די פרויען און מיידלעך, אַז אין יעדע פרייע צייט זאָלן זיי לייענען אין דעם ספר״.

• ״דעריבער איז אַ גרויסע מצוה אַריינצונעמען דעם ספר אין יעדעס אידישע הויז, און אים שטאַרקן און שטיצן מיט אַ ברייטע האַנט צו פאַרברייטערן די גרעניצן פון קדושה״.

• אויך הגה״צ אבד״ק ואדמו״ר קאשוי שליט״א דריקט אויס זיין גרויסע התפעלות אין זיין הסכמה צו די נייע אויפלאגע פון ״שבט מוסר״, שרייבנדיג צווישן אנדערן:

• ״דורות לאנג וואס אידן טרינקען מיט דורשט די הייליגע ווערטער פון דעם ׳שבט מוסר׳, און טויזנטער אידן זענען שוין נתעורר געווארן דורך זיינע פלאם פייערדיגע רייד צום הייליגן טאטן אין הימל, צווישן זיי אויך גדולי ישראל, וועלכע האבן עס עדות געזאגט אויף זיך אַליין״.

• ״אַ גרויסע זאַך האָט געטוען דער איצטיגער מוציא לאור, מיט איבערטייטשט די ווערטער אויף די אידישע שפראַך וואָס ווערט היינט גערעדט, און ער האָט דורך דעם מזכה געווען דעם כלל ישראל, ווייל דער ספר קומט אָן צו גרויס און קליין, און יעדער קען אין דעם ספר געפינען אנגענעמע און זיסע רייד... מ׳דאַרף אנערקענען די טובה פון די יעניגע וועלכע פארנעמען זיך מיט די הייליגע ארבייט, און זענען זיך מטריח אַרויסצוגעבן אַ דבר השלם על טהרת הקודש, און עס איז אַ גרויסע מצוה אַריינצוברענגען די דאָזיגע ברכה אין יעדעס אידישע הויז״.

• דער דעברעצינער רב שליט״א שרייבט אין זיין הסכמה:

• ״מיט גרויס פרייד האָב איך געהערט אַז איר גרייט זיך אַרויסצוגעבן און באַלייכטן די וועלט מיט די ספרי מוסר אין מאַמע-לשון אידיש, און איצט האָט איר זיך אונטערגענומען אַרויפצוברענגען אין דרוק דעם הייליגן ספר ״שבט מוסר״... מיט אַ שיינע שפּראַך, און מיט אפזונדערן איין זאַך פון דער צווייטער וכו׳, און דאָס אַלעס מיט גרויס מי און אַ סאַך אַרבעט״.

• ״ווי גרויס איז אייער באַלוינונג פאַר אַריינברענגען דעם דאָזיגן הייליגן ספר, וואָס איז פול מיט מוסר און יראת השם, אין יעדעס אידישע הויז, וואָס דער הייליגער ספר איז הונדערטער

יאָרן געווען אַ הייליגע ליכט צו די נשמות פון בית יעקב, וואָס דאָס מיינט די נשים צדקניות, און כל שכן איצט, ווען מיר האַלטן ביי די פוסטריט פון משיח, ווען די וועלט איז אָנגעפילט מיט פוסטע און פאַרדאָרבענע זאַכן אין אַלע שפּראַכן, אומעטום, וואָס דאָס דאַרף דערוייטערן ווערן פון די גרעניץ פון באַשיידנקייט און ריינקייט. דער הייליגער ספר וועט אַריינבלאָזן אַ הייליגן ווינט פון אַ אהבת השם און אהבת התורה, ווי עס איז געווען אין אַלע צייטן".

• אויך איז דער דעברעצינער רב שליט"א משבח דעם אויפטו פון אָפּדרוקן פאַר קינדער באַזונדערע פרקים וואָס רעדן צו קינדער, אַז פרויען און קינדער זאָלן זיי לייענען אין זייער פרייע צייט, ווי שבת און יום טוב, און אַז דאָס וועט אַריינברענגען ליבשאַפט צו תורה און יראת שמים אין די הערצער פון אידן. ספּעציעל אין די היינטיגע צייטן, ווען די גאַס איז פול מיט שריפטן וואָס פאַרמאָגן נישט קיין ריח פון תורה און אמת'ע יראת שמים, איז עס זייער וויכטיג. דער חשובער רב שליט"א שרייבט אויך, אַז עס איז זייער וויכטיג אַז די מוסדות החינוך זאָלן איינפירן שיעורים אין דעם ספר "שבט מוסר", און אַזוי וועלן זיי מקיים זיין דעם אָנזאָג פון דעם חכם "אולת קשורה בלב הנער שבט מוסר ירחיקנה ממנו" (משלי כ"ב, ט"ו).

• דער דעברעצינער רב רופט אידן צו שטיצן די אַרויסגעבער מיט אַ ברייטערהאַנט, סיי דורך אַליין קויפן דעם ספר און אויך דורך העלפן פאַרשפרייטן דעם ספר צווישן אידן. ער באַצייכנט אַלס "מזכי הרבים" די אַלע וואָס וועלן העלפן פאַרקויפן די ספרים.

אין זיין הסכמה צו די נייע אויסגאבע פון "שבט מוסר" שרייבט הג"ר מאיר בראנסדארפער שליט"א בזה"ל: די מצוה וואָס הרה"ג כש"ת... האָט געטאָן ביים איבערטייטשן דעם ספר אויף אידיש, איז געוואַלדיק גרויס, ווייל דורך דעם וועט ער צוברענגען אַז אויך די פשוטע מענטשן, פרויען און קינדער, וועלן לערנען אין דעם וויכטיקן ספר, וואָס איז פול מיט תורה און יראת-שמים.

אָט די גאַנצע אַרבעט האָט ער געטאָן אויף אַ שיינעם אופן, אין אַ גרינגע שפּראַך און מיט גרויסע און ליכטיקע ווערטער, אַז יעדער זאָל קענען לערנען און פאַרשטיין אָן זיך אָנשטרענגען, אַזוי אַז יעדער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו לערנען אין דעם הייליקן ספר.

• צווישן די הויכפּונקטן וואס מען באַגעגענט לערנענדיג דעם הייליגן ספר ״שבט מוסר״, זענען די תיקונים פאַר פאַרשידענע עבירות, עצות פאַר יעדן אידן ווי אַזוי זיך צו פירן, הדרכות פאַר נשים צדקניות, עצות טובות פאַר שלום בית, און ער ווייזט אָן ווי אויב מען פירט זיך אויף דעם וועג, איז מען פאַרזיכערט מיט שלום בית אויף אייביג. אויך זענען דאָ אין דעם ספר פילע הדרכות פאַר חינוך הבנים, און הדרכות צו פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווי אַ חתונה, אַ ברית, בר מצוה און אַזוי ווייטער. דער מחבר איז במותק לשונו אויך מסביר די הנהגה פון די וועלט, פאַרוואָס איין מענטש איז אָרים און אַ צווייטער איז רייך; פאַרוואָס איינער איז געבענטשט געוואָרן מיט קינדער און אַן אַנדערער, אפילו אַמאָל גרויסע צדיקים, האָבן נישט זוכה געווען דערצו - דאָס אַלץ ברענגט דער מחבר אַרויס מיט זיין הייליגע און רייכע שפּראַך, כדי יעדער איינער זאָל עס לייכט פאַרשטיין.

• די איצטיגע אויסגאַבע פון ספר ״שבט מוסר״ איז איינגעטיילט לויט פּרקים, לויט דעם סדר הפרשיות פון יאָר. דאָס איז געמאַכט כדי יעדער איינער זאָל קענען ענדיגן דאָס גאַנצע ספר דורכ'ן יאָר, דורך לערנען יעדע וואָך אַ פּרק, אַזוי ווי עס איז געווען געדרוקט אין פיורדא אין שנת תק״ו, לויט'ן סדר הפרשיות.

עס איז דעריבער צו האָפן, אַז אחינו בני ישראל בכל מקום שהם וועלן זיך נישט צוריקהאַלטן פון אַריינברענגען ברכה זו לתוך ביתם, ווייל אויסער דער עצם גרויסער אויפטו פון לערנען אין דעם הייליגן ספר ״שבט מוסר״ אַליין און מיט די קינדער, איז דאָך אַ גוואַלדיגע סגולה צו האַלטן דעם הייליגן ספר אין יעדע אידישע שטוב, און בזכות לימוד הספה״ק הזה וועט מען נתעורר ווערן צו דינען דעם באַשעפער כבימי קדם, און דאָס וועט אַוודאי גורם זיין קירוב הגאולה בב״א.

**די שענסטע מתנה פאַר יונג און אַלט**

עס איז יעצט ערשינען אין דרוק דער הייליגער ספר

# שבט מוסר

## השלם

**איבערגעזעצט אין די אידישע שפראַך**

ברוב פאר והדר

**דאס הייליגע ספר "שבט מוסר" איז נתחבר געוואָרן דורך**
**הגה"ק רבי אליהו הכהן זצ"ל**
**רב הכולל פון איזמיר, טערקיי, מיט 300 יאָר צוריק**

און איז במשך די יארן איבערגעדרוקט געווארן נאנט צו הונדערט מאל, צווישן זיי אויך מיט אַ אידישע איבערזעצונג.

די איצטיגע אויסגאַבע פון "שבט מוסר" אַנטהאַלט אין זיך צענדליגער מעלות און הידורים, צווישן זיי:

1. דאָס ספר איז געדרוקט אין אַ הערליכן פאָרמאַט, אַז עס זאָל זיך לייענען לייכט דורך יונג און אַלט.
2. דאָס ספר איז געשריבן געוואָרן לויט'ן היינטיגן אויסלייג פון אידיש, ווי עס ווערט גערעדט און געשריבן צווישן חרדיישע אידן אין די היינטיגע צייט.
3. הונדערטער הערות און הוספות, ביים סוף פון אַ סאַך פרקים פון דעם ספר, פון די ספרים הקדושים וואָס האָבן אַ שייכות צו די ענינים וואָס דער מחבר רעדט אַרום אין דעם ספר.

4. הערליכע סיפורים וואָס האָבן אַ שייכות צו די עניני המוסר וואָס דער מחבר דערמאנט אין ספה"ק שבט מוסר, און זענען צוגעדרוקט געווארן להשלמת הענינים.
5. ספעציעלע הדרכות פאַר עלטערן און מלמדים ווי אַזוי מחנך צו זיין זייערע קינדער און תלמידים אויפן ערליכן וועג.
6. אַ באַזונדער אָרט אין דעם ספר פאַרנעמט דער קונטרס וואו דער מחבר באַשרייבט די ענינים פון הנהגת הבית און שלום בית בין איש לאשתו, און ער גאַראַנטירט אַז דער וואָס וועט זיך פירן לויט זיינע אָנווייזונגען, וועט אייביג זיין געבענטשט מיט שלום בית.
7. דאָס ספר איז איינגעטיילט אין פרקים, לויט'ן סדר פון די פרשיות פון יאָר, כדי מ'זאָל קענען דורכלערנען יעדע וואָך פון יאָר אַן אַנדערן פרק, און דורכ'ן יאָר ענדיגן דעם גאַנצן ספר "שבט מוסר".

אין דעם ספר "שבט מוסר" ברענגט דער מחבר זי"ע אַ סאַך עצות און סגולות קעגן יעדע צרה ל"ע, ווי אויך הונדערטער רפואות און סגולות קעגן פאַרשידענע מחלות ל"ע, און מוסר'ט דעם מענטש ער זאָל געדענקען אין זיין טאָג טעגליכן לעבן נישט נאָכגעריסן צו ווערן מיט'ן שטראָם פון די וועלט, נאָר גיין בדרך התורה, און דאָס וועט אים ביישטיין קעגן אַלע עקתין ומרעין בישין ל"ע, און וועט אים דערלייכטן זיין וועג. ער וועט ניצול ווערן פון גיהנום, און וועט זוכה זיין צו אַ חלק לעולם הבא.
דער ספר "שבט מוסר" האָט במשך הונדערטער יאָרן מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערליכן אידישן וועג.
הגה"ק רבי הלל קאלאמייער זי"ע האָט עדות געזאָגט אויף זיך, אַז דער ספר שבט מוסר האָט אים געמאַכט פאַר אַ איד. אויך אַנדערע צדיקים וקדושים זי"ע האָבן אָנגעזאָגט זייערע קינדער שטענדיג צו לערנען אין דעם ספר שבט מוסר, ווייל דאָס ספר האָט זיי געברענגט צו די מדרגות וואָס זיי זענען צוגעקומען.

דאָס ספר שבט מוסר איז במשך די דורות געטראָגן געוואָרן פון ערליכע אידן אין זייער טלית-בייטל, כדי זיי זאָלן קענען לערנען דערין פאַר און נאָכן דאַווענען.

## טעמו וראו כי טוב

**ברענגט אַריין ברכה לתוך בתיכם.**

**זייט אויך א מזכה את הרבים, און קויפט דעם ספר ״שבט מוסר״ פאַר זיך און אייער משפחה, ווי אויך פאַר אייערע בית המדרש, אדער פאר דעם מלמד פאָרצולערנען פאַר די קינדער.**

אייער טאַטע און מאַמע וועלן אייך דאַנקבאַר זיין אויפן עולם האמת, ווייל ווען זייערע קינדער און קינדס-קינדער ווערן ערליך דורך דעם ספר, איז דאָס אַ זכות גדול פאַר אייער טאַטן בעולם העליון, און דער גרעסטער עילוי נשמה פאַר אייערע עלטערן איז, ווען איר קויפט אַ סעט שבט מוסר פאַר אייערע קינדער, אַז זיי זאָלן באַשטימען שיעורים אין דעם הייליגן ספר.

קויפט פאַר אייערע פאַרהייראַטע קינדער די ספרים ״שבט מוסר״, וועט עס אויך באַקרוינען אייערע עלטערן אויפן עולם העליון.

אויך אויב איר קויפט דעם סעט שבט מוסר פאַר חתן-כלה זענט איר גאַראַנטירט מיט שלום בית.

אויב איר ווילט זוכה זיין צו ערליכע קינדער, גוטע זיווגים, שלום בית? אויב איר ווילט האָבן פרנסה בריווח? - קויפט דעם הייליגן ספר ״שבט מוסר״, וואָס עס איז אַ סגולה צו האַלטן אין שטוב.

**צדיקים און קדושים אין אַלע דורות האָבן צוגעזאָגט אַז דער וואָס וועט האָבן דעם ספר ״שבט מוסר״ אין זיין הויז, וועט אים קיינמאָל נישט פעלן קיין פרנסה.**

דעם ניי איבערגעדרוקטן ספר ״שבט מוסר״ קען מען באַקומען אין אַלע ספרים געשעפטן, ווי אויך האָלסעיל ביי:

**הוצאת שבט מוסר, טעלעפאָן:**

**(718) 437-0576**

**אין ארץ ישראל: 02-5-142-827**

**חברת ״הוצאת שבט מוסר״**

## דער ספר איז א ליכט-זייל און א וועג ווייזער

א) ווי אזוי צו ווערן לייכט אַ תלמיד חכם און אַ מותמיד.

ב) ווי אַזוי צו צוברעכן אַ שלעכטע געוואוינהייט (מדה).

ג) ווי אַזוי צו וואַקסן מיט יראת שמים.

ד) ווי אַזוי צו וואַקסן מיט צניעות און איידלקייט.

ה) צו צוברעכן דעם רייץ צו געלט און עשירות.

ו) הדרכה צו דאַווענען ערליך מיט כוונה.

ז) ווייך מאַכן דאָס האַרץ צו טוהן צדקה וחסד, נישט קאַרגן דאָס געלט.

ח) פירט אַרויף אויף דעם וועג פון תשובה און תיקון המעשים.

ט) ספּעציעלע הדרכה פאַר בחורים.

י) מורה דרך פאַר יונגעלייט.

יא) הדרכה פאַר די נשים צדקניות.

יב) וואונדערבאַרער וועג-ווייזער ווי אַזוי מחנך צו זיין די קינדער פון קליינווייז זייער גרינג און פּראַקטיש, מיט אַ גאַראַנטיע בעזה"י.

יג) הדרכה פון הנהגת הבית און שלום בית - בעסטע עצות ווי אַזוי דורכצוקומען. בדוק ומנוסה.

יד) הדרכה ווען מ'מאַכט אַ ברית בשעה טובה.

טו) ווי אַזוי מען גרייט זיך צו די בר מצוה.

**טז) אָנווייזונגען צו די חתונה פאַר חתן כלה און עלטערן.**

## דער ספר איז א ליכט-זייל און א וועג ווייזער

יז) וועג-ווייזער אין טאָג-טעגליכן לעבן ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן מיט פּראָבלעמען וואָס קומען אונטער.

יח) הדרכה פאַר צובראָכענע און דעפּרעסטע מענער אָדער פרויען וועלכע זענען צוקלאַפּט צוליב צרות ל״ע, אין זיי אַריינצובלאָזן חיות און חיזוק, זיי זאָלן זיין פריילך און מונטער, פול מיט לעבנס גייסט.

יט) באַלייכט די הערצער פון עלטערן וועלכע עס איז פון הימל באַשערט אַ פּראָבלעם מיט קינדער פּיזיש אָדער גייסטיג, זיי זאָלן זיך פילן איבערגליקליך זייענדיג די שלוחים פון הימל מקרב צו זיין די גאולה.

כ) חיזוק און שמחה פאַר די אידישע מאַמע זיך צו פלאָגן מיט פירן אַ גרויסע שטוב פון פילע קינדער בלעה״ר.

כא) חיות און דערקוויקעניש פאַר צוקלאַפּטע בחורים.

כב) אַ דרך ווי אַזוי צו נוצן געלט ביי ביזנעס, נישט צו פאַרלירן דאָס פאַרמעגן אויף איינמאָל (באַנקראָט ח״ו).

כג) אויסצואווארצלען די מדת הקנאה פון אָרים צו רייכע, אָנווייזענדיג אַז די אָרימע זענען די גליקליכע.

כד) הונדערטער סגולות און רפואות און ספּעציעלע תפילות פאַר יעדע זאַך וואָס אַ מענטש דאַרף צום טאָג טעגליכן לעבן.

בס"ד

דער ספר **שבט מוסר** איז געטיילט לויט פרקים, לויטן סדר הפרשיות פון יאָר, כדי צו קענען ענדיגן דעם ספר יעדעס יאָר, דורך לערנען יעדע וואך א פרק, אזוי ווי עס איז געווען געדרוקט אין פיורדא תק"ו.

❖❖❖

אין ספר "**ידו בכל**" שרייבט ער, אז ערליכע אידן פלעגן האלטן דעם ספר "**שבט מוסר**" אין זייער טלית-בייטל, און אזוי קען מען לייכט משלים זיין באלד נאכן דאווענען יעדן טאג לויט'ן סדר פון יענע פרשה.

❖❖❖

## לוח לפי סדר הפרשיות של כל השנה

**סדר בראשית**

1. בראשית פרק א
2. נח פרק ב
3. לך-לך פרק ג
4. וירא פרק ד
5. חיי-שרה פרק ה
6. תולדות פרק ו
7. ויצא פרק ז
8. וישלח פרק ח
9. וישב פרק ט
10. מקץ פרק י
11. ויגש פרק יא
12. ויחי פרק יב

**סדר שמות**

13. שמות פרק יג
14. וארא פרק יד
15. בא פרק טו
16. בשלח פרק טז
17. יתרו פרק יז
18. משפטים פרק יח
19. תרומה פרק יט
20. תצוה פרק כ
21. כי-תשא פרק כא
22. ויקהל פרק כב
23. פקודי פרק כג

**סדר ויקרא**

24. ויקרא פרק כד
25. צו פרק כה
26. שמיני פרק כו
27. תזריע פרק כז
28. מצורע פרק כח
29. אחרי פרק כט
30. קדושים פרק ל
31. אמור פרק לא
32. בהר פרק לב
33. בחקותי פרק לג

**סדר במדבר**

34. במדבר פרק לד
35. נשא פרק לה
36. בהעלותך פרק לו
37. שלח פרק לז
38. קרח פרק לח
39. חוקת פרק לט
40. בלק פרק מ
41. פנחס פרק מא
42. מטות-מסעי פרק מב

**סדר דברים**

43. דברים פרק מג
44. ואתחנן פרק מד
45. עקב פרק מה
46. ראה פרק מו
47. שופטים פרק מז
48. תצא פרק מח
49. תבא פרק מט
50. נצבים-וילך פרק נ
51. האזינו פרק נא
52. ברכה פרק נב